**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/6/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט SOUTH FORK WIND ליפערט צום ערשטן מאל ים-ווינט ענערגיע צו לאנג איילענד

***South Fork Wind* ווערט ערשטע גרויסארטיגע ים-ווינט פארם אין פעדעראלע וואסערן צו אנהויבן צושטעלן עלעקטריציטעט אין די פאראייניגטע שטאטן**

***צוויי טורבינעס זענען שוין אינסטאלירט; אלע 12 טורבינעס ערווארטעט צו זיין אינסטאלירט ביז אנהויב 2024***

***שטיצט ניו יארק קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ'ס ציהל צו אינסטאלירן ניין גיגאַוואַטס פון ים-ווינט ענערגיע ביז 2035***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די ערפאלגרייכע ליפערונג פון ריינע עלעקטריציטעט צו לאנג איילענד פון די ערשטע ווינט טורבינע אין אפעראציע ביי South Fork Wind, באצייכענענדיג א היסטארישע דערגרייכונג פון די ערשטע ים-ווינט פארם אין פעדעראלע וואסערן אויף א גרויסע פארנעם אריינגייענדיג אין אפעראציע אין די פאראייניגטע שטאטן. דער פראיעקט האט שוין פארענדיגט די אינסטאלאציע פון צוויי טורבינעס, און איינס איז שוין אין אפעראציע אומגעפער 35 מייל אראפ פון מאנטאוק, און אלע 12 טורבינעס זענען ערווארטעט צו זיין אינסטאלירט ביז אנהויב 2024. די היינטיגע אנאנס [שטיצט](#) פארשריט אין ריכטונג פון די ציהל פון די סטעיט'ס 'קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ' (Climate Leadership and Community Protection Act) צו אינסטאלירן ניין גיגאַוואַטס פון ים-ווינט ענערגיע ביז 2035.

"ניו יארק'ס לאנד'ס-פירנדע באמיאונגען צו איפטרייבן פארלעסליכע, באנייבארע ריינע ענערגיע האט דערגרייכט א גרויסע דערגרייכונג", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "South Fork Wind וועט צושטעלן עלעקטריציטעט פאר טויזנטע היימער, שאפן שיין-באצאלטע יוניאן דזשאבס און ווייזן פאר יעדן אז ים-ווינט ענערגיע איז א פאסיגע מיטל וואס ניו יארק קען איינשפאנען פאר פילע קומענדיגע דורות."

די דערגרייכונג – קומענדיג בלויז צוויי וואכן נאך די [אינסטאלאציע פון ניו יארק'ס ערשטע ים ווינט טורבינע](#) – איז געפייערט געווארן אין איסט העמפטאן צוזאמען מיט די שותפים אין די אונטערנעמונג, Ørsted און Eversource, סטעיט, קאונטי און לאקאלע בעאמטע, שתדלנים און קאמיוניטי מיטגלידער. ווען עס וועט זיין פארטיג וועט South Fork Wind איפטרייבן אומגעפער 130 מעגאַוואַטס פון באנייבארע ענערגיע, גענוג צו צושטעלן עלעקטריציטעט פאר אומגעפער 70,000 לאנג איילענדער היימער. די באנייבארע ענערגיע פון South Fork Wind וועט עלימינירן ביז אזויפיל ווי זעקס מיליאן טאן פון קארבאן עמיסיעס יעדעס יאר — אזויפיל ווי אראפנעמען 60,000 קארן פון די שאסייען.

**לאנג איילענד פאווער אויטאריטעט CEO, טאמאס פאלקאן, האט געזאגט,** "דער היינטיגער טאג צייכנט אפ א באדייטנדע טריט אין ריכטונג פונעם איינפירן גאווערנער האקול"ס חזון פון אן ענווייראמענט-פריינטליכע און שטאנדהאפטיגע ענערגיע צוקונפט פאר ניו יארק. זיך קאכנדיג שוין פאר קרוב צו אכט יאר, פארוואנדלט די ערשטע ים ווינט טורבינע צו פראדוצירן ענערגיע דעם חזון אין א רעאליטעט. די LIPA איז שטאלץ צו שטיצן דעם היסטארישן פראיעקט פאר די טובה פון אונזערע 1.2 מיליאן באניצער אין לאנג איילענד און אין די ראקעוועיס."

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט ( New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "דער מאמענט שפיגלט אפ יארן פון שווערע ארבעט, חזון און די קוראזש צו פירן אונזער ענערגיע אריבערגאנג. לאנג איילענד איינוואוינער פילן יעצט ערשט-האנטיג די בענעפיטן פון זייערע היימער און ביזנעסער ווערנדיג געטריבן דורך ריינע, באנייבארע עלעקטריציטעט פון South Fork Wind, און מיר גראטולירן די מאנשאפטן פון Orsted, Eversource, LIPA, די לאקאלע פירער און ארבייטער וועלכע האבן געבויט דעם געוואלדיגן פראיעקט אויף די פייערונג פון די ערשטע עלעקטריציטעט היינט."

**פארזיצער פון די ניו יארק סטעיט פובליק סערוויס קאמיסיע, רארי מ. קריסטשיען, האט געזאגט,** "די היינטיגע ליפערונג פון ריינע, באנייבארע עלעקטריציטעט צו לאנג איילענד איז א גרויסע דערגרייכונג אין פארשריט אין ריכטונג פונעם שאפן א ריינע-ענערגיע עקאנאמיע אין ניו יארק סטעיט. עס איז אן איבערצייגנדע באווייז אז מיר וועלן קענען אנקומען צו אונזערע לאנג-טערמיניגע ציהלן צו שאפן א ריינערע ענערגיע גריד, און עס איז עדות איבער גאווערנער האקול"ס באמיאונגען ביז היינט."

**סעקרעטערי אָוו סטעיט ראבערט דזש. ראדריגעז האט געזאגט,** "South Fork Wind איז א גרויסע טריט פאראויס ביים ערגרייכן די גאווערנער'ס ריינע-ענערגיע ציהלן. די לאנד קוקט אויף ניו יארק אזוי ווי זי נעמט ווידעראמאל די לייצעס אין הענט מיט ים-ווינט ענערגיע און זעצט פאר צו מאכן דורכברוכן אין ריכטונג פון א מער שטאנדהאפטיגע צוקונפט פאר ניו יארק'ס קאמיוניטיס. טויזנטע לאנג איילענד הויזגעזינדער קענען יעצט זאגן אז זיי רעדוצירן באדייטנד זייער קארבאן באנוץ. דער פראיעקט זאגט עדות איבער די אנטשלאסנקייט און קאארדינאציע אריבער אלע שטאפלען פון רעגירונג און אינדוסטריע. די סטעיט דעפארטמענט האט געשפילט א וויכטיגע ראלע ביים רעדוצירן דעם פראיעקט'ס ווירקונגען אויף די סביבה ארום, שאפנדיג אן אחריות'דיגע וועג פאראויס פאר די וויכטיגע דעוועלאפמענט."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( Department of Environmental Conservation, DEC) קאמישאנער, בעזיל סעגאָס, האט געזאגט,** "א דאנק די שטיצע פון גאווערנער האקול און א דאנק די באמיאונגען פון די DEC'ס שותפים ביי LIPA און NYSERDA, נעמט ניו יארק סטעיט אונטער קריטישע שריט צו רעדוצירן קלימאט-ענדערנדע גאז עמיסיעס בשעת'ן שאפן דזשאבס און פארשטערקערן לאקאלע עקאנאמיעס. די ערפאלגרייכע ליפערונג פון ווינט-געטריבענע ענערגיע צו לאנג איילענד'ס סאַוט פאָרק געגנט איז א מערקווירדיגע דערגרייכונג ביים אריבערגאנג ניו יארק צו א גרינע צוקונפט געטריבן דורך ריינערע מקורות פון ענערגיע."

**EVP o'Ørsted Group און CEO אין די אמעריקעס, דעיוויד הארדי, האט געזאגט,** "איסט העמפטאן האט יעצט געמאכט היסטאריע אלס די ערשט קאמיוניטי אין ניו יארק צו באקומען ריינע ענערגיע פון א ים-ווינט פארם. South Fork Wind איז נישט בלויז א דורכברעכנדער פראיעקט פאר די סטעיט, נאר עס איז אויך איינס פון די יסודות פון אמעריקע'ס ים-ווינט ענערגיע אינדוסטריע און אן עדות איבער אונזער מאנשאפט'ס איבערגעגעבנקייט, מומחיות'שאפט און שווערע ארבעט. א דאנק די פירערשאפט פון דיביידן און האקול אדמיניסטראציעס, און א דאנק אונזערע סטעיט און לאקאלע שותפים

און שטיצער, גייט South Fork Wind אריין אין אפעראציע און שטעלט אוועק די פלאטפארמע פאר א וואקסנדע אמעריקאנע אינדוסטריע."

**Eversource Energy טשערמאן, פרעזידענט און CEO, דזשאָו נאָולען, האט געזאגט,** "South Fork Wind איז א פראיעקט דורך ניו יארקער, פאר ניו יארקער. ריינע און באנייבארע ים-ווינט ענערגיע פלוסט יעצט צו די לאקאלע גריד אין איסט העמפטאן באזונדערס צו באדאנקען די שווערע ארבעט פון לאקאלע יוניאן ארבייטער און קאנטראקטארס וועלכע האבן אונז געהאלפן אויפבויען South Fork Wind'ס עלעקטריציטעט דראטן סיסטעם און די סאב-סטאנציע אויפן בארטן. דאס איז געווען א יאר פון אסאך ערשטע דערגרייכונגען פאר ניו יארק'ס ים-ווינט ענערגיע אינדוסטריע, און עס איז נאך דא פיל מער אין די צוקונפט אין די בעפארשטייענדע וואכן פאר דעם דורכברעכנדן פראיעקט און פאר די וואוקס פון די פאראייניגטע שטאטן ים-ווינט ענערגיע פעלד."

נאכן צום ערשט באשטעטיגט ווערן דורך די LIPA באורד אָוו טראַסטיס אין 2017, האט [South Fork Wind אנגעהויבן קאנסטרוקציע](#) אין פעברואר פון 2022, אנהויבנדיג מיט די [עקספארטירונג דראטן סיסטעם אויפן בארטן](#) וואס פארבינדט דעם פראיעקט מיט די LIPA עלעקטריציטעט גריד, און עס איז פארענדיגט געווארן אנהויב דאס יאר. די ווינט פארם איז אנגעקומען צו די "[שטאל אין די וואסער](#)" דערגרייכונג אין יוני פון 2023 מיט די אינסטאלירונג פון די פראיעקט'ס ערשטע זייל אונטערן וואסער. די אינסטאלאציע שיף פון Van Oord, גערופן די "Aeolus", אינסטאלירט די טורבינעס.

South Fork Wind רעכנט אריין די [ערשטע פאראייניגטע שטאטן-געבויטע ים-ווינט סאב-סטאנציע](#). מער פון 350 פאראייניגטע שטאטן ארבייטער פון דריי סטעיטס האבן געשטיצט די קאנסטרוקציע פון די סאב-סטאנציע אויפן בארטן, א סטורקטור אויף די אויבערפלאך וואס וועט אריינכאפן די טרייב קראפט וואס ווערט פראדוצירט דורך די ווינט טורבינעס און עס לאזן אריינפליסן אין די 'גריד'. ניו יארקע יוניאן ארבייטער האבן געשטיצט די אינסטאלאציע דערפון אויפן ים.

לאנג איילענד-באזירטע קאנטראקטאר, Haugland Energy Group LLC (אן אפיליאירטע פירמע מיט Haugland Group LLC) [האט אינסטאלירט די אונטערערדישע רערן סיסטעם](#) פאר South Fork Wind'ס עלעקטריציטעט דראטן אויפן בארטן, און זיי האבן אנגעפירט די קאנסטרוקציע פון דעם פראיעקט'ס גריד פארבינדונג איינריכטונג אויפן בארטן. LS Cable האט אינסטאלירט און פארבינדן די דראטן אויפן בארטן מיט שטיצע פון לאנג איילענד'ס Elecnor Hawkeye. די [פארנעם פון די ארבעט אויף דראטן אויפן בארטן](#) אליין האט געשאפן מער פון 100 יוניאן דזשאבס פאר לאנג איילענד פעהיגע אינדוסטריע ארבייטער. Roman Stone, אויך אין לאנג איילענד, האט מעניופעקטשורט 'מאטראצן' פון בעטאן צו באשיצן די דראטן אונטער די וואסער, און Ljungstrom וואס געפונט זיך אין מערב ניו יארק, בשותפות מיט Riggs Distler & Company, Inc., האבן צוגשטעלט ספעציאליזירטע סטרוקטורישע שטאלענע ווערק.

**סטעיט סענאטאר ענטאני פעלאַמבאָו האט געזאגט,** "דער היינטיגער טאג איז א וויכטיגע טריט צו נאכקומען ניו יארק סטעיט'ס ריינע ענערגיע ציהלן און צו צושטעלן פאר לאנג איילענד איינוואוינער ביליגערע און פארלעסליכע ריינע עלעקטריציטעט. באנייבארע עלעקטריציטעט איז א קריטישע באשטאנדטייל פון אונזער צוקונפט מיט ענערגיע, און די סטעיט מוז ארבעטן צו זיכער מאכן אז ניו יארקער זענען פאר צו בענעפיטירן פון אלע געביטן פון די אריבערגאנג — פון דזשאב געלעגנהייטן ביז אפאָרדעבעל ענערגיע און א ריינערע סביבה."

**אסעמבלי מיטגליד פרעד וו. טיעלע דזשוניאר האט געזאגט,** "עס קען מער נישט זיין קיין ספק אז קלימאט טויש איז עכט. יעדן טאג זעהען מיר די נעגאטיווע ווירקונגען אויף מזרח לאנג איילענד און אריבער די וועלט. ניו יארק סטעיט איז געווען א פירערביים אויפקומען מיט פאליסיס צו אטאקירן

קלימאט טויש. די אריבערפירונג פון דעם ניו יארק סטעיט קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ, וואס איך האב געספאנסארט מיט אנדערע, האט אוועקגעשטעלט אגרעסיווע ציהלן צו באדייטנד רעדוצירן קארבאן עמיסיעס ביז 2050 דורכן ערזעצן פאַסיל ברענשטאף מיט באנייבארע ענערגיע ווי ווינט טרייב-קראפט. דער פראיעקט צייכנט אפ א באדייטנדע ערשטע טריט אין ריכטונג פון ערררייכן אונזערע קלימאט ציהלן."

**סופאָלק קאונטי עקזעקיוטיוו סטיוו בעלאָון האט געזאגט,** "סופאָלק קאונטי איז שטאלץ צו זיין א נאציאנאלע פירערין אין ריינע און באנייבארע ענערגיע. דורך די צוזאמענארבעט און פירערשאפט פון גאווערנער האקול, אונזערע ראיאנישע בעאמטע און קאמיוניטי-פארמישטע קערפערשאפטן, בלייבן מיר אויף די סאמע פראנט פון די ים ווינט ענערגיע אינדוסטריע, העלפנדיג פארזיכערן די לאנג-טערמיניגע שטאנדהאפטיגקייט און עקאנאמישע וואוקס פון אונזער ראיאן."

**איסט העמפטאן טאון סופערווייזאר, פיטער ווען סקאיאק, האט געזאגט,** "די אנהויב פון פראדוקציע פון ריינע, באנייבארע ווינט עלעקטריציטעט פון די South Fork Wind טורבינעס און די ליפערונג דערפון צו אונזער לאקאלע עלעקטריציטעט גריד סיסטעם אין איסט העמפטאן, איז א באגייסטערנדע דערגרייכונג וואס שטופט פאראויס איסט העמפטאן טאון'ס ארומנעמיגע באנייבארע ענערגיע ציהלן און אזוי אויך ניו יארק סטעיט'ס ציהלן. עס איז געווען א פארגעניגן פאר איסט העמפטאן טאון צו ארבעטן מיט Orsted און Eversource צו ערררייכן די ציהל."

**New York League of Conservation Voters פרעזידענט, דזשולי טייה, האט געזאגט,** "דער היינטיגער טאג צייכנט אפ א גרויסע טריט פאר ניו יארק'ס אריבערגאנג אוועק פון פאַסיל ברענשטאף און אין ריכטונג פון א ריינע-ענערגיע צוקונפט. נאך יארן פון פלאנירונג און צאללאזע שטונדן פון ארבעטן און קאנסטרוקציע – פילע דערפון יוניאן שטונדן – קומט עלעקטריציטעט פון ים-ווינט ענערגיע סוף כל סוף ארויף אויפן בארטן. מיט גאווערנער האקול'ס אמביציעזע ענווייראמענטאלע פירערשאפט, און מיט קלוגע און שעפערישע פירמעס ווי Orsted און Eversource וועלכע זענען פארפליכטעט צו אויפבויען – און אומשטאנד צו ליפערן – באנייבארע ענערגיע פראיעקטן אויף א גרויסן פארנעם –– ווייסן מיר אז דאס איז בלויז די אנהויב."

**ניו יארק סטעיט AFL-CIO פרעזידענט מאריא סילענטאו האט געזאגט,** "מיר אפלאדירן גאווערנער האקול פארן אנקומען צו די דערגרייכונג. עס זאגט עדות איבער איר איבערגעגעבנקייט צו זיכער מאכן אז ניו יארק ערפילט אירע ריינע ענערגיע ציהלן. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט די גאווערנער צו זיכער מאכן אז אונזער ריינע-ענערגיע צוקונפט ווערט געבויט, אנגעפירט, אויפגעהאלטן, פאררעכטן און מעניופעקטשורט דורך ארבייטער וואס פארדינען א שיינע געהאלט און וועלכע געניסן פון די בענעפיטן און שוץ מאסנאמען וואס ווערן געראנטירט דורך יוניאן קאנטראקטן."

**New York State Building Trades פרעזידענט, גערי לאבאַרבארע, האט געזאגט,** "דער היינטיגער טאג צייכנט אפ א באדייטנדע דערגרייכונג אין ניו יארק'ס געיעג נאך אירע באנייבארע ענערגיע ציהלן און די אוועקשטעלונג פון א צוקונפט פון ריינע ענערגיע וואס פארשטערקערט מיטעלע-קלאס קאריערעס, צינדט אונטער עקאנאמישע וואוקס און שטעלט צו א גרינערע סביבה פאר צוקונפטיגע דורות צו בליהען. די ערשטע ליפערונג פון ריינע ענערגיע צו לאנג איילענד דורך South Fork איז בלויז די אנהויב פון וואס ים-ווינט ענערגיע קען ברענגען צום טיש, און מיר זענען שטאלץ אז אונזערע יוניאן מענער און פרויען מיטגלידער האבן געשפילט א ראלע ביים צוזאמשטעלן די ערשטע טורבינעס אין אפעראציע פון דעם קריטישן פראיעקט מייסטערהאפטיג און ווירקזאמערהייט. זיי קוקן ארויס צו פארזעצן זייער ארבעט צו ארויפברענגען אלע 12 טורבינעס צו אויפטרייבן ווינט טרייב-קראפט אין די קומענדיגע חודשים, דאס אלעס בשעת'ן נאכפאלגן א יוניאן קאריערע וואס ערלויבט זיי צו ברענגען פרנסה פאר זייערע פאמיליעס און אויפטרייבן עקאנאמישע קראפט פאר זייערע קאמיוניטיס."

**Long Island Federation of Labor פרעזידענט, דזשאן ר. דורסאָ, האט געזאגט,** "דער פראיעקט ווערט אויפגעבויט דורך יוניאן ארבייטער. מיר ערווארטן אז עס זאל אויפגעהאלטן ווערן דורך יוניאן ארבייטער. די אנאנס און די עווענטועלע פארענדיגונג פון South Fork Wind איז אן ענדגילטיגע באווייז אז מיר קענען אדרעסירן דעם קלימאט קריזיס און שאפן גוטע יוניאן דזשאבס אין דעם פראצעדור. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט ניו יארק סטעיט, מיט די ים ווינט אינדוסטריע און מיט אלע אנדערע פארמישטע קערפערשאפטן וועלכע זענען אינטערעסירט אין א לעכטיגערע צוקונפט מיט שיינע געהאלטן וואס קענען אויסהאלטן א פאמיליע."

**לאנג איילענד אסאָוסיעישען פרעזידענט און CEO, מעט קאָוהען, האט געזאגט,** "לאנג איילענד האט געמאכט היסטאריע און איז אפיציעל די ים-ווינט הויפטשטאט פון די וועלט, און איך גראטוליר גאווערנער האקול, די Ørsted און Eversource מאנשאפט און די לאנג איילענד פאווער אויטאריטעט אויף זייער ערפאלגרייכע שותפות צווישן רעגירונג און פריוואטע קערפערשאפטן און נישט נאר פארן ליפערן ריינע ענערגיע ארויף צו די גריד נאר אויך פארן שאפן טויזנטע דזשאבס און גיבן געלעגנהייטן פאר קליינע ביזנעסער."

**Building and Construction Trades Council פון נעסאו און סופאָלק קאונטיס פרעזידענט, מעטיו אראקיק, האט געזאגט,** "איך לויב אויס גאווערנער האקול פאר איר עקשנות'דיגע טרייב צו ברענגען ים-ווינט ענערגיע צו די מארקעט. גאווערנער האקול'ס אנטשלאסנקייט און חזון זעצט פאר צו אונטערהייבן ניו יארק סטעיט'ס צוזאמענארבעט מיט פעהיגע ארבייטער, שאפנדיג די ערשטע ים-ווינט פארם אויף א גרויסע פארנעם אין פעדעראלע וואסערן לענגאויס די מזרח ים בארטן. דער קלימאט-ענדערנדער פראיעקט ברענגט א נייע עקאנאמישע געלעגנהייט גיבנדיג אפציעס פאר דעם קומענדיגן דור פון לאקאלע ארבייטער וועלכע זוכן שיין-באצאלטע סטאבילע קאריערעס וועלכע וועלן זיי גיבן די מעגליכקייט צו בלייבן מיט ארבער אין לאנג איילענד. אלס רעזולטאט פון די פארלאנג אויפן מארקעט, איז די ים-ווינט ענערגיע אינדוסטריע אריין אין א שותפות מיט יוניאנס צו אויספלאסטערן א וועג וואס פירט דירעקט צו די Building and Construction Trades דורך אפרענטיסשיפס און פרי-אפרענטיסשיפ פראגראמען ווי Opportunities Long Island. אנדערש פון די ארבעטסקראפט וואס ווערט איינגעשרינפן אין פילע אנדערע קאמיוניטיס ארום דאס לאנד, איז אונזער לאקאלע Building Trades Council באדייטנד געוואקסן, און עס איז א היבשע טייל צו פארדאנקען פאר די פארלאנג פאר ארבייטער דורך Orsted/Eversource אינערהאלב די ים-ווינט ענערגיע."

**New York Offshore Wind Alliance דירעקטאר, פרעד זאלקמאן, האט געזאגט,** "עס איז מערקווירדיג צו צוזעהן די טורבינעס זיך דרייען עלעגאנטערהייט ביי די South Fork Wind ווינט פארם אזוי ווי עס ערררייכט דאס ערשטע מאל פון ארויפברענגען עלעקטריציטעט אויף די ניו יארקע גריד, מיט די ערשטע פון וואס פארשפרעכט צו זיין א גרעניצלאזע סופליי פון ים-ווינט ענערגיע. אבער די פארוואנדלונג פון די ווינטל אויפן ים צו ווערן קארבאן-פרייע עלעקטריציטעט אויף אן אופן וואס קוקט אויס צו קומען אן אנשטרענגונג וואלט נישט מעגליך געווען אן דעם חזון פון די האקול אדמיניסטראציע און צאללאזע פירער אויף אלע שטאפלען פון רעגירונג; אן די געוואלדיגע קאמיוניטי שטיצע פאר דעם פראיעקט אלס א מיטל צו אריבערגיין צו א צוקונפט פון ריינע ענערגיע אויף די איסט ענד; און אן די עקשנות פון די פראיעקט דעוועלאפערס, Orsted און Eversource, ביים זיך שטארקן איבער סיי וועלכע פון די שטרויכלונגען – פון פאנדעמיעס ביז גלאבאלע סופליי טשעין שוועריגקייטן – וועלכע זענען געשטאנען אין וועג. South Fork שליסט זיך היינט אן אין די ראנגען פון ניו יארק'ס פראמינענטע אינפראסטרוקטור פראיעקטן, און פונקט ווי מיט די פראיעקטן, זענען מיר אויסגעשטעלט צו שניידן די פרוכט מיט די בענעפיטן פאר פילע קומענדיגע דורות."

**Win With Wind גרונדערין, דזשודיט האָופ, האט געזאגט,** "אונזער מאנשאפט פון איסט העמפטאן בירגער איז באגייסטערט ביז גאר צו האבן געוועזן טייל פון די היסטארישע אונטערנעמונג. מיר גלויבן אז אקטיווע לאקאלע שטיצע איז גאר וויכטיג פאר די צוקונפטיגע הצלחה פון ים-ווינט ענערגיע אין ניו יארק סטעיט."

**Citizens Campaign for the Environment עקזעקיוטיוו דירעקטארין, עידריען עספאסיטאָו, האט געזאגט,** "דאס איז באמת באגייסטערנד און היסטאריש. אזוי ווי די טורבינעס דרייען זיך, מישן מיר אויך אריבער א בלאט אין די היסטאריע פון ענערגיע פראדוקציע. ווינט טורבינעס זענען שטראלן פון האפנונג פאר א ריינערע און זיכערערע ענערגיע סופליי וואס בענעפיטירט יעדער ניו יארקער. CCE האט געשטיצט ים-ווינט ענערגיע פאר 18 יאר, און יעצט דאס צו זעהן סוף כל סוף ווערנדיג פארווירקליכט איז א טרוים ווערנדיג א רעאליטעט. א ריזיגע דאנק פאר גאווערנער האקול און פאר די NYSERDA מאנשאפט וואס האבן געקעמפט פאר די היסטארישע אריבערגאנג צו א בעסערע צוקונפט."

**Association for a Better Long Island עקזעקיוטיוו דירעקטאר, קייל סטראָובער, האט געזאגט,** "די אריינגאנג אין אפעראציע פון די Southfork ווינט פארם איז נישט נאר א היסטארישער מאמענט פאר לאנג איילענד נאר פאר אונזער גאנצע לאנד. דער דורכברעכנדער פראיעקט רוקט אונז נאענטער צו א ריינע-ענערגיע צוקונפט, און עס איז ערמעגליכט געווארן דורך די צוזאמענארבעט פון די סטעיט, Orsted ,Eversource און לאקאלע קאמיוניטי און ביזנעס פירער. קאנגראטולעישנס צו גאווערנער האקול, די LIPA באורד, און אלע אנטוויקלטע פארטייען. די אסאסיעישן פאר א בעטער לאנג איילענד איז שטאלץ צו שטיצן די איניציאטיוו, איינזעהענדיג איר באדייטפולע ווירקונג אויף אונזער רייזע צו א מער נאכהאלטיגע און שטייפע ענערגיע צוקונפט."

**Renewable Long Island עקזעקיוטיוו דירעקטאר, גאָרדיען רעקי, האט געזאגט,** " Renewable Energy Long Island ארבעט שוין פאר יארן צוזאמען מיט LIPA, Ørsted, איסט העמפטאן און פילע אנדערע פארמישטע קערפערשאפטן צו זעהן די פארענדיגונג פון דעם South Fork Wind פראיעקט. דאס איז געווען דאס וואס ניו יארק סטעיט דארף צו קענען נאכקומען די אגרעסיווע ציהלן און טערמינען וואס זענען אוועקגעשטעלט געווארן אין די סטעיט'ס קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ. עס איז געוואלדיג צו וויסן אז היימער נוצן יעצט ריינע, באנייבארע ענערגיע, רעדוצירנדיג אונזערע קארבאן עמיסיעס אויף א באלדיגן פארנעם."

די היינטיגע אנאנס בויט ארויף אויף די שוואונג וואס איז אויפגעטריבן געווארן דורך די גאווערנער'ס [אנאנס](#) פריער דעם חודש, אויפדעקנדיג די גרעסטע סטעיט אינוועסטירונג אין באנייבארע ענערגיע אין די היסטאריע פון די פאראייניגטע שטאטן. די באדינגטע גרענטס האבן אריינגערעכנט דריי ים ווינט ענערגיע און 22 טרוקעניש-באזירטע ריינע ענערגיע פראיעקטן פאר א סך הכל פון 6.4 גיגאוואטס פון ריינע ענערגיע, גענוג צו צושטעלן עלעקטריציטעט פאר 2.6 מיליאן ניו יארקע הייזער, און זיי וועלן צושטעלן אומגעפער 12 פראצענט פון ניו יארק'ס עלעקטריציטעט געברויכן איינמאל זיי וועלן זיין פארענדיגט. צוזאמען מייט צוויי ריזיגע פאבריקן פון די 'פענס' און די קעסטלעך פאר ים ווינט טורבינעס, זענען די ליסטע פון נארוואס-אנאנסירטע פראיעקטן ערווארטעט צו שאפן אומגעפער 8,300 דזשאבס פון וואס מען קען אויסהאלטן א פאמיליע און אזוי אויך צו אויפטרייבן 20 ביליאן דאלאר אין עקאנאמישע אנטוויקלונג אינוועסטירונגען אריבער די סטעיט, אריינרעכענענדיג אינוועסטירונגען צוגעזאגט דורך דעוועלאפערס צו שטין שוואכערע קאמיוניטיס.

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום

וויניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. אנגעפירט ביי טייל פונעם לאנד'ס מערסט אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוון, איז ניו יארק אויף דעם ריכטיגע וועג צו ערגרייכן איר ציל צו האבן אן עלעקטרישע סעקטאר פריי פון עמיסיעס ביז 2040, אריינרעכענענדיג אנצוקומען צו 70 פראצענט פון באנייעוודיגע ענערגיע אויפטרייבונג ביז 2030, און צו אנקומען צו א קאַרבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון דעם יאר-הונדערט. א צענטראלע חלק פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצענדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער 55 ביליאן דאלאר אין 145 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע און עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסעיס פון געביידעס, 3.3 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, כמעט 3 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע אינציאטיוון און איבער 2 ביליאן דאלאר אין ניו יארקע גרינע באנק פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 165,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2021 און א 3,000 פראצענטיגע וואוקס אין די אינדוסטריע פון פריוואטע סאלאר באנוץ זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן גייען ווייטער אן צו שטופן פאראויס ניו יארק'ס קלימאט אקציע, מיט כמעט 400 רעגיסטרירטע און מער פון 100 סערטיפייד קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג אינציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו צילן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן